# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Fentster Fun Mayn Nakht/ Window of My Night

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/6xq1w2rt

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

**Author**
Bella Schaechter-Gottesman, Beyle Shekhter-Gotesman/

**Publication Date**
1981

**Copyright Information**
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org　　Powered by the California Digital Library
University of California

ד״ר בערנאַרד קאַהען

# ד״ר מרדכי מ. קאַפּלאַן

(צו זיין הונדערטסטן געבוירן-יאָר)

די יידישע וועלט וועט דעם קומענדיקן 11טן יוני פייערן דעם הונדערט יאָריקן געבוירן טאָג פונעם אָנגעזעענסטן, חשוב־סטן דענקער און גייסטיקן פירער פון אַמעריקאַנעם יידנטום, ד״ר מרדכי מ. קאַפּלאַן. זייער וויניק מענטשן אין אונ־דזער צייט האָבן אַזוי שטאַרק באַאיינ־פלוסט דעם מאָדערנעם יידישן דענקען און לעבן פון אַמעריקאַנער יידן ווי עס האָט אונדזער 100-יאָריקער בעל-יובל. זיינע דערשינענע ביכער, ליטעראַרישע שריפטן און עפנטלעכע לעקציעס האָבן סטימולירט און שטאַרק משפיע געווען זיינע תלמידים, לייענער און צוהערער.

געבוירן אין 1881, אין סווענציאַן, ליטע, איז ער, אַן 8 יאָריק יינגל, געקומען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן קיין ניו-יאָרק. ער האָט געלערנט ביי זיין פאָטער, אַ למדן און אָרטאָדאָקסישער רב, און אין ישיבת יעקב יוסף. אין 1900 האָט ער גראַדו־אירט פון סיטי קאַלעדזש, און אין 1902 — פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אַלס

---

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / ניו-יאָרק

# פענצטער פון מיין נאַכט

ווער האָט עס אויפגעריסן מיך
פון קאָשמאַר צו וויסטער וואָר?
אַן אויסגעשריי מיט בלאָנדע האָר.
אַ שאָקלענדיק געיאָמער.
פאַרלאָשן ס׳פענסטער פון מיין נאַכט,
אַנעמישער לאַמטערן.
אַזוי עלנט אין חלל ציטערט
אַ פאַלנדיקער שטערן.
קומען צו שפרינגען פון נאָרעס און העקן
שאַרן אויסגעגלאָצטע שרעקן.
האָט מען מיידל דיך באַרויבט,
דאָס לעצטע צוגענומען?
אָדער ביסטו גאָר באַטויבט —
פילן איינגענומען?
ס׳האָט דיין הילעכדיקער קוויטש
מיך דורך און דורך געטראָפן
אַ צעבלוטיקטער סיגנאַל,
צעבלעטערט פאַר מיר — אָפן.
די שעה אין טיפער שווארצקייט פאַרטושט
ליכטיקט אַרויס דיינע גלידער.
אַ פייער צישעט פאַר אונדזער שוועל
די אומעטיקסטע לידער.

ראַביי און גלייכצייטיק גראַדואירט ער פון קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. אין 1909 ווערט ער איינגעלאַדן פון פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן שעכטער, פּרעזידענט פון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, צו זיין דער „דיען" פון לערער־אינסטיטוט, און אויך אַלס פּראָפעסאָר פון האָמילעטיקס און פילאָסאָפיע פון רעליגיע אין רבנים־סעמינאַר.

עס איז שוין כמעט 80 יאָר ווי ד״ר קאַפּלאַן שטודירט, פאָרשט, און ראַנגלט זיך מיט די פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנעם ייִדישן לעבן און אַנאַליזירט מיט זיין שאַרפן אַריינבליק זייערע טענדענצן און אַנטוויקלונג פּראָצעסן. ער באַאָבאַכטעט מיט טיפער זאָרג די פאַרנאַכלעסיקטע ייִדישע דערציונג פון נייעם יונגן דור, די פאַרשפּרייטע עם־הארצות און די וואַקסנדיקע צאָל ייִדישע יוגנט און אינטעלעקטואַלן וואָס זיינען פרעמד צו זייער פאָלק און צו ייִדישער קולטור. ער זעט די גייסטיקע דעמאָראַליזאַציע און די שטאַרקע אַסימילירנדיקע כוחות וואָס שטעלן אין סכנה דעם המשך פון ייִדישן פאָלקס־לעבן אין דער פרייער אַמעריקע.

צו קעגן־ווירקן די טענדענצן פון אַסימילאַציע און די סכנותדיקע כוחות פון דיסאינטעגראַציע און אויפלייזונג, אַנטוויקלט ד״ר קאַפּלאַן זיין פילאָסאָפישן צוגאַנג פון ייִדישקייט און פאָרמולירט אַ פּראָגראַם און אַ מעטאָד פון אויפקלערונג און דערציונג, וואָס דאַרפן געבן גייסטיקע פאַרשטאַרקונג, אַ זין און אַ ווירדיקן אינהאַלט דאָס לעבן און דער עקזיסטענץ פון היינטיקן דור אַמעריקאַנער ייִדן.

אין 1934 דערשיינט זיין בוך „ייִדישקייט ווי אַ ציוויליזאַציע"", וואָס מאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער ייִדישער וועלט. אין דאָזיקן ווערק, און אויך אין די נאָכפאָלגנדיקע ווערק זיינע, אַנטוויקלט ד״ר קאַפּלאַן זיינע אָריגינעלע אידעען וועגן ייִדישער רעליגיע, קולטור און ייִדישן לעבן און פאָרמולירט אַ פּלאַן און מעטאָדן ווי אויפצוהיטן די ייִדישע קולטור־ירושה און דערמעגלעכן דעם המשך און קיום פון ייִדישן פאָלק אויף דער אַמעריקאַנער ערד. ער גיט אַ נייע דימענסיע צום ייִדישן רעליגיעז־פילאָסאָפישן געדאַנק.

פיל טראַדיציאָנעלע, רעליגיעזע ייִדן און אויך פון די קאָנסערוואַטיווע, און פון זיינע פאַרערערס, זיינען ניט איינשטימיק מיט קאַפּלאַנס נאַטוראַליסטישע טעאָלאָגיע, באַזונדערס מיט זיין קאָנצעפּציע פון גאָט „ווי דער כוח, אָדער, פּראָצעס וואָס מאַכט מעגלעך דעם מענטשנס זעלבסט־דערפילונג." טייל זיינען אויך ניט מסכים מיט זיין אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג צום „אתה בחרתנו" געדאַנק, וואָס איז אַ פולשטענדיקע אָפּנייגונג פון ייִדישער טראַדיציע.

די גרונט־אידעען אין ד״ר קאַפּלאַנס געדאַנקען ־ סיסטעם, און אין ראַם פון רעקאָנסטרוקציאָניזם, די שולע וואָס ער האָט געשאַפן, זיינען: ייִדישער פאָלקסטום (Jewish Peoplehood) דאָס לעבן אין צוויי ציוויליזאַציעס, און די אָרגאַנישע געמיינדע — (the Organic Jewish Community)

אין הסכם מיט אחד־העמס קלאַסישער טעאָריע פון ציוניזם און דאָס ייִדישע לעבן אין גלות — איז קאַפּלאַנס שטעלונג צום ייִדישן לעבן אין די תפוצות אַ פּאָזיטיווע. דער ציוניזם, ישראל, גיט דאָס ייִדישן לעבן אין די תפוצות זין און אינהאַלט און ישראל קען דינען אַלס גייסטיקער קולטור ־ צענטער פאַר ייִדן אין דער וועלט.

לויט דער קאָנצעפּציע „דזשויש פּיפּלהוד" לעבן ייִדן אין אַמעריקע אין צוויי ציוויליזאַציעס: אַ ייִדישע און אַן אַמעריקאַנישע.

ד״ר קאַפּלאַן באַטאָנט שטאַרק אַז די סאָציאַלע סטרוקטור פון ייִדישער געמיינדע לעבן אין אַמעריקע דאַרף איבערגעבויט ווערן ווי אַן אָרגאַנישע קהילה — (Organic Community) צו קענען דינען און דערפילן אַלע וויכטיקע קהילה באַדערפעניש, רעליגיעזע און וועלטלעכע. אין אַזאַ אָרגאַנישע קהילה, וואָס זאָרגט וועגן יעדן ייִדנס וווילזיין, קען יעדערער פילן זיין אָנגעהעריקייט. אַזאַ קהילה אָרגאַניזירט און פאַרוואַלטעט דעמאָקראַטיש, קען שאַפן אַן עפעקטיוון ייִדישן דערציונגס סיסטעם און באַזאָרגן שטיצע פאַר ישראל, פאַר ייִדישע קהילה־אַנשטאַלטן, פאַר רעליגי־